STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02462

AYUNGE TOYB FAR AKORBN

H. Golomb

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02462-7

D:\YIDDISH\Titles\9780657024628T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

אַיונגע טויב
פאַר אַקרבן

איינע וואהרע ערצייהלונג פון „ר׳ ישראל" מיט זיינע
שיינע אונד אונשולדיגע טאכטער „טייבעלע".

מאת

צ. נ. גאלאמב.

ווילנא

АЮНГЕ ТАУБЪ ФАРЪ АКОРБОНЪ.
Молодой голубь въ жертву. Соч. Г. Н. Голомба.
Соб. изд. Л. Л. Маца.
Съ Виленскаго изданія 1878 г.

ВИЛЬНА, Типографія Л. Л. Маца. завальная 30. 1912 г.

א

אין „רופ״ האט געוואוינט אגעוויסער ר׳ ישראל איין פלאקס הענדלער וואס דער גישעפט האט אים ווירקליך רייך געמאכט גאר אין דיא יונגע יאהרען זיינע. אין אנפאנג וואר ער נור איין פערעקופניק, אונ אלס ער האט זיך ערווארבען איין קליינעם קאפיטאל האט ער אנגעהייבען האנדלען אויף זיין אייגענעם רעכענונג, אונ בייא דעם ערסטען מאל אפגעבען זיינע פלאקס אין ריגא איז גראדע אין דעם טאג האט זיין פרוי אים געבארען איין טאכטער, ער האט גיטראפען דיא צייט וועלכע פלאקס איז גיוועזען גישטויגען אונ האט בייא דעם מאל גוט פערדינט, האט ער אלזא געגלויבט דאס דיא נייא געבארענע טאכטער זיינע האט אים מיט געבראכט גליק, אונ האט בייא זיך בעשלאסען דאס ער זאל פאר איר אויף אוים ווירקען דיא בעסטע גליקען פיל זיין מעגליכקייט וועט זיין. ער האט מיט גרויס גערולד געווארט אויף דעם אכצעהנטען יאהר איהרען דאס ער זאל איר דאן גליקליך מאכען אונ צוליב איר וועט ער זיך אויך עטוואס בעשיינען, דען זיין פאטער וואר בייא זיין לעבען איין בעל מלאכה וואס דאס האט אים העכסט געקרענקט, אונ האט אלזא געווארט דאס ער זאל האבען איין געלעגענהייט דורך זיין טייבעלען איין צו קויפען זיך אין יחוס, דאמיט דאס דער יחוס שטראל פון דיא צו קומענדע פאמיליע זאל פערשיינען דעם דונקעלען אנדענק פון זיין פאטער.

(איונגע טויב)

עס איז לייכט צו פערשטיין פון זיינע געדאנקען דיזע, דאס ער האט קיין געפיל גיהאט אין קינדער ערציאונג אונ האט גאר ניט געוואוסט וואס הייסט עס ערציען קינדער, דען דאן האבען זייא געמיינט דאס ערציען קינדער הייסט עס נור געבאהרען קינדער מיט דעם נעמליכען נאטור קונסט וויא אלע בעשעפינעס גיבאהרין, זייען נאך מיט איין פאך נידעריגער גיוועזען פאר אלע באשעפעניס, דען די נאטור זעלבסט איז זייא פרעמד גיוועזען דאס זייא הלטען מוזען אונטערריכט נעמען בייא זייער פערהייראטהען זיך פון דיא אונטער פירער. אונ נור וויא באלד מען ברייננט שוין דעם קינד אויף דער וויסער וועלט, הייסט עס שוין ערפילט נאטעס וואונש אונ אדיע!, אונ אלס ישראל האט זיך פאר גינומען דאס ער זאל נור גוטס אונ גליק אויס ווירקען פיר טייבעלין, אונ האט ניט געוואוסט זיין טרייהייט צו איר וויא עס צו בענוצען, איז עס גיוועזען פיל שעדליכער אלס ווירקליכע שלעכטעס, וויא מיר וועלען עס פערציילען אין פערלויף פון דיזער געשיכטע.

דיזען ר׳ ישראל האט גאנץ געגליקט אין זיין געשעפט אונ אלס ער האט ערוואָרבען איין קאפיטאל פון פופצין טויזינד, האט ער שותפות גישלאסין מיט יאקאב קויפמאן; קויפמאן פלעגט זיך שעצען פאר איין ווירט איבער זיין פערמעגין אונ פלעגט דעם רובל שיקען אין געשעפט, דאס הייסט ער פלעגט זעלבסט ווייניג ארום פארען איבער דערפאר נור ער פלעגט האלטען פערעקופניקעס אונ ער זעלבסט וואר דאס רוב צוא הויז, צוזעהען די קינדער זאלען זיך בילדען, האלטען פיר זייא גוטע לעהרער, זעלבסט זייא אקזאמענירען. אויסער וואס ער פלעגט צוא פארען נאך רינא, נאך קאניגסבערג אפ צוא געבען די טראנספארטין פלאקס. אבער ישראל וואר גאנץ פערקערט, דיא געלט וואר דער ווירט אונ ער אלס דינער בייא דאס געלד, זייער איין טרייער דינער אין פייער אונ אין וואסער, אליין געבראכין זיך געוועלגערט זיך אין דיא דערפער גישלאפין בייא דיא פויערין אויף

יא פלאטקעס וואו עס וואר פיל רויך, רוים און פרייסין, געקומען אהיים אן געקוסט טייבעלען, אנגלעט טאן איר איבער דיא בעקעלעך און זאגען „האדעווע זיך מיין קינד אן צער ווארום עס האדעוועט זיך פאר דיר וואו אוואהלער אינגעלע פאר איין חתן“.

ווען טייבעלע וואר שוין אמיידכען פון איאר צוועלף דרייצעהן און אז דער פאטער פלעגט מיט איר פאר ברייננען אין אזעלכע פוסטע ראזגאווארען ביא זיינעם קומען פון וועג, פלעגט עס איר שוין העכסט קריינקען, און איר איידעלעס הערץ פלעגט אין איר וויינען אלס זיא פלעגט זיך פאר שטעלין וויא קויפמאן אמאזירט זיך מיט זיין רחלען וואס זיא וואר אויך אין אירע יארין, ער רעט מיט איהר עפעס וויכטיגע זאכין, פרעגט איר זאדאציען זיא זאל טרעפין, ער הייסט איר דאס זיא זאל פאר אים דער ציילין פון די אידעשע געשיכטע פון תנ"ך וואס זיא לערינט, ער ערקלערט איר דיא טיפזיניגע און קריטישע מיינונגען וועלכע איזט פערוויקעלט אין קריזאוונס באסנעס וועלכע דער לערער האט עס איר אויף גיגעבין דאס זיא זאל עס קענען אויף אוים ווייניג, וואס נאך דיא תלמודיסטען האבען זיך באנוצט מיט אזעלכע מעשים און אז רחלע קומט אויפין ווירקליכען מיינונג דאס עס איז גמיינט נור דר מיט דעם זינדינן און פארדארבינעם מענטשן אוים צו בעסערן, פרייט עס איר, און קוסט דעם פאטער מיט פאלקאמע צו פרידין הייט אוים טיפין הערצין פאר דיא גייסטליכע פארגעניגען וואס ער האט איר דער מיט געמאכט, דיזעס אלעס פלעגט זיך טייבעלע פאר שטעלין זייענדיג ביא דעם פאטער אין דיא ארעמס, זיא פלעגט אים ניט אנטווארטין אויף זיינע פוסטע פראגין זיא פלעגט זיך נור פערטיפין אין דיא גידאנקען „ווארום זאל דאס מיין פאטער מיר ניט אן מאכין אזעלכע גייסטליכע פערגעניגען?“ אירע אדעלע געפילין פלעגט איר העכסט פלאגען פון דעם פוסטין ראזגאוואר פון איר פאטער, איך זעה ניט איין, פלעגט זיא ביא זיך טראכטין.

(איונגע טויב)

קיטע

קיינע אונטער שייד צווישען מיין ערציאונג אונ דיא ערציאונג פון אונזער קעלבל, דער פאטער קוסט מיר, אזו לעקט אונ שמעקט דאך איר דיא קוא אויך ווייל זיא ליבט איר מיט דעם געמליכען נאטור ווייל זיא איז איהרע אקינד אונ דאס וואס איך עס ווייס ברויט קען דאך זיין דאס פיר דיא קאלב איז היא זיסער אלס ברויט.

עס איז קיין וואונדער פון וואנענט האט זיך ביא איר געוואוועס אזעלכע געפילין, דען זיא פלעגט אימער צו זיין ביא קויפמאנן אין הויז צו זאמען מיט זיינע קינדער, זיא פלעגט זיך אן הארבין אלס די לערער פלעגין אונטער ריכט געבין רחלען אונ איר ברודער, אונ אויף איר פלעגט מער ווירקין ענטוויקעלט צו ווערין אלס אויף רחלען, ווייל זיא וואר אין דאס זעלבע פלעגט זיא זיך איין הארכען יעדער ערקלערונג פון די לערער רחל׳ס מיט אוים גישטעלטע אויערין, דיזעס האט אויף איר גוט געווירקט, אונ זיא וואר איין עטוואס ענטוויקעלט.

ב.

אלס טייבעלע וואר איין מיידכען פון פערצעהן יאהר וואר זיא שוין געווען שיין בקליידעט איין אדעלין פיגור מיט איין שטאלצע מינע אונ קאכענדע שווארצע אויגין. זיא וואר העכסט בעליבט ביא קויפמאנען, ער פלעגט איר העכסט בעדויערין ביא זיך אין הארצען איבער איהרע ווייניג בילדונג געניסען, איין מאל האט זיא ביא אים העכסט אוים גינומען ביא איהרעם איין קלוגין אנטווארטין אים, האט ער איר פאר גישלאגין דאס זיא זאל אונטעריכט נעמען ביא זיינע לערער צו גלייך מיט זיין רחלן, זיא האט זיך פערניינט געגען אים אונ האט אים גידאנקט אונ אים גיזאגט, „איך בין גאנץ גערין, נור דאס מוז איך מיך ערלויבין ביא מיינעם פאטער". „אויף מיין אטוועטי

האט זיך קויפמאן אפ גירופין מיט איינע ליבליכע שטימע, קענסט
דיזעס שיין אונטער נעמען דען, עס איז שאדען צו ווארטען אויף דעם
פאטער גאנצע דרייא מאנאטין, דען אונטער די צייט וועסטו מאכין
אין לערנען פאר שריטע אונ וועגין דעם פאטערס אום צו פרידענהייט
איבעו דיין אום ערלויבין זיך בייא אים בעזארג זיך ניט, איך וועל
זעלבסט אים דער ציילין באלד בייא זיינעם קומען', זיא האט זיך
שטארק ניט גילאזט בעטין אונ קויפמאן האט שטריינג פאר זאגט
דיא לערער דאס זייא זאלין איר אונטער ריכט געבין פלייסיג אונ
טרייא זיי זאלין ניט קארגין פון אירענט וועגין קיין מיה, ער האט זייא
פאר שפראכין גוט בעלוינט צו ווערין, אונ עס איז ווירקליך צוא
גיגאנגען איר לערנען פארוועריך. אונ אלס ישראל איז גיקומען צוא
הויז אונ אז קויפמאן האט אים פערציילט דאס טייבעלע נעמט אונטער
ריכט בייא זיינע לערער צוא זאמען מיט זיינע קינדער פאר טייבעלען
אין דיא אויגין, איז זיא העכסט פאר שעמט אונ רויט גיווארין, אונ
אלס דער פאטער האט זיך צו גישמייכעלט האט זיא ביי זיך גישפירט
וויא נייא גיבארין. זיא האט אים זיין האנד צו גידריקט צוא אירע
ליפען אונ האט אים גיפרעגט „פאטער דו וועסט דאך מיר אויף ווייטער
אויך ניט שטערין?" „לערין ווייטער!" האט ער איר גיענטפערט אזוא
וויא פארצווייפלט, אז הער קויפמאן פאר לאנגט אזו, אונ בייא זיך
האט ער גיטראכט „נוא! אויך אצוקומענעס איך מוז אים זיינע שגעונות
נאך מאן, אז ער וויל דורך דיא קינדער זיינע אויס פירין זיינע פוסטע
נאוה דאס זיי זאלין זיך קענען ויטעווען מיט דעם ריינער טייצין בייא
זיינעם קומען איין מאל אין דרייא יאר שיט ער אוים דעריבער הונדערטן
רובלס. איך ווייס מער ניט איין זאך, ווען איך האב פלאקס דאן מוז
שוין דער טייץ פערשטיין וויא איך רייד אדער ער האלט בייא זיך איין
קאלמאץ קאסט דעם טייצן געלט, נור ווען איך וועל זאגין דאס זיא
זאל ניט לערנען, וועט ער אן היבען וויא זיינע מאדעם צוא מאכין
שפאס דאס מיט מיינעם ארום פארין איבער די דערפער נעם איך זיך

(איונגע טויב)

אן

אן פון דיא בויערין זייערע פירונגען אונ לערין מיך אפ פון זייערע דמין צוא זיין קארג, אדער מיט נאך אזעלכע זאכן מאכט ער זיך היימליך פון מיר, איך וויים ניט וואס ער וויל פון מיר, איינענטליך וואס האט דאס נאר צו אים אז מיין טייבעלע קען ניט לייגען אין איין „טרייף פסול?“, אזוי איז ער גישטאנען פערטיפט אין די גידאנקען האלטענדיג זיין טייבעלען בייא איר הענטיל.

„וואס האט איר זיך אזוי פערטראכט ר׳ ישראל?“ האט אים קויפמאן גיפרעגט, ישראל האט זיך ערמינטערט פון זיינעם פערטראכטקייט אונ האט אים אן געקוקט האלב פארשעמט וייל ער האט דאך בייא זיך געוואוסט דאס ער טראכט פון אים, אונ האט אים גיענטפערט, „אט איך טראכט מיר נור וואס פאר איין גוטער פריינד איר זייט מיר, דאס איר זארגט פאר מיין קינד“, „זייא איז עס אבער ווערט דאס מען זאל פאר איר זארגען“ האט קויפמאן געזאגט אנלעט טוענדיג טייבעלען איבער אירע גינרייזעלטע בלאנדע לאקין, זעהסטו דוא האסט זיך בעזארגט דאס דער פאטער וועט דיר הייסען אוים שפייען וואס דוא האסט גילערינט; מזט דערמיט האט זיך בעענדעט דער גישפרעך אונ זיינען זיך פאנאנדער גיגאנגען.

דיא ביעגראפיען טייבעס אונ רחל׳ס וואס זייא ביידע ווארען דער צוועק אונ דיא העלדען פון אונזער ערציילונג, וועלען מיר פון זייער פערצענטין יאהר אונ וויטער פארשוויגען דען דיא לעזערין וועט שוין פערשטיין פון זיך זעלבסט פון דיא ביסעל וועלכע מיר האבען פון זייא געשפראכען אויך אויף דיא איבעריגע, אונ מיר וועלען אן הויבין זייא בעשרייבין פון זייערין אכצעהענטען יאהר.

ג.

מיט גרויס אונגעדולד האט ר׳ ישראל קיים ערווארטעט דאס טייבעלע זאל ווערן אכצעהן יאר, אונ זיא איז שוין עס ווירקליך גיוואהרין. צו איר אכצעהנטין יאר וואר זיא העכסט געבילדעט אונ שיין בליענד וויא איין רויז הויכגיוואקסען מיט איין צארטפאלע גיזיכט צוויא שווארצע שיינע אויגין האבין ארויס געלויכטין אזוי וויא צוויא בראנאטין אונטער איר שטערין וואס וואר פול חן, איינע קליינעם רונדעם מונד וועלכע עס האט אויס גידריקט איינע אנגענאהמע פריינדליכע אונ ליבליכע מינע, אזוי איז איר גיוועזן אן צו זעהען ביז איהר אכצעהנטין יאהר, יעצט אבער אז דער פאטער האט שוין גיוועלט האבין נחת פון איר אונ איר גליקליך מאכען וויא ער האט זיך געוואונשין מיט א שיינעם מחותן, אונ האט גראדע גיגעבין איין אויג אויף דעם בחור שעפשל שאול גיטעלעס זון, וואס טייבעלע האט אים גאנץ גוט גיקענט פאר איין העסליכען אונ אום וויסענדין אינגעל, האט זיא שוין אנגעווארין אביסל איר מונטערע מינע פון פערדרוס; דיזער מחותן ר׳ שאול גיטעלעס האט גישטאמט ווירקליך פון גרויסע מיוחסים אונ ער אליין וואר אויך אגרויסער חריף וואס כל ימיו האט ער געהאלטין צו נעמען סמיכות אויף רבנות נור ער האט זיך אליין ניט נאך געיאגט נאך דעם וויל זיין פרוי איז גיוועזן אין שטאנד אים מפרנס צוא זיין, דען ניטעלע זיין פרוי האט געהאלטין איין שניט קראם פון איין היפשען קאפיטאל, עס איז גיוועזן ווירקליך איין יחוס שידוך, נור עס איז גיוועזן אגרויסער חסרון אין דעם שידוך וואס דער חתן האט זיך דא ארין גימישט, דען דער שעפקע אויסער וואס ער דאס ניט גיוועלט אונ גיקענט לערנען איז ער אזוי צו דיא וועלט אויך גיוועזן איין ברכה לבטלה, ווארום דיא מוטער פלעגט אים אפ ווייבען פון גישעפט וויל עס פאסט ניט דאס איינגעל וואס האלט ביא לערנען זאל זיך שטעקין אין גישעפט אונ בפרט נאך וויסען דעם

איונגע טויב) פרייז

פריי פון מאנשין אדער וואלינס צייג וואס מען פערברויכט עס נאר אפט אויף ווייבערשע פארטיכער, וואס אזעלכע זאכין שאדין צום זכרון, אונ אויסער וואס ער וואר איין טויגעניכטס וואר ער נאך זייער העסליך אן צוא זעהען נאריש אונ אבער נור ישראל האט זיך ניט אזוי אן אים געקוואפעט צוא האבין פאר איין איידעם ער איז נור אויסען גיוועזן צו האבין צו ליב אים ר׳ שאולן פאר איין מחותן, אונ עס האט געהאלטין אין קורצען זאל זיין תנאים.

עס איז געקומען דער טאג וועלכער עס האט בעדארפט זיין תנאים. טייבעלע איז גיזעסין מיט די פערוויינטע געזיכט גיווענדעט אין פענסטער, אונ ר׳ ישראל איז ארום גיגאנגען איבערין זאל הין אונ צוריק אונ האט גירעט צו זיך שטיל אונ פערביזט, אונ האט זיך פלוצלונג גיווענדעט צו איר אונ זאגט מיט גרוים צארין „הער טייבקע! שעפסל מוז דיין חתן זיין, זאלסט מיר ניט זאגען קיין דעות, וואס האט דאס צו דיר, דו האסט מיר ניט איין צו ווייזען, מיין שולד איז פאר דיר צו זארגין, אונ וועל דיר גליקליך מאכין איבער גיוואלד, דו וועסט מיר קוקין אויף רחקען דיא הולטייקע? זיא האט זיך אליין אויס געקליבען איין חתן, וואס איז זיא איתומה? זיא האט דען ניט קיין עלטערין? אונ ביא קויפמאנען איז דאס רעכט, מיר וועלען זעהען וויא זיא וועט אויס פירען׳.

אגאנצען טאג האט מען פון טייבעלען קיין ווארט גיהערט אויס ריידענדיג, זיא איז אום גיגאנגען אין שטוב וויא אן אזינען בלאס אן מוטה אן אשפראך, ר׳ ישראל האט געטאן וואס אן אים גיהערט אונ האט צוא געברייט אלס פארטיג אויף תנאים, געשיקט דעם בעטער צו אלע גוטע פריינד. פאר נאכט איז ער צו געגאנגען צו טייבען אונ האט צוא איר געזאגט מיט איין בעטענדע שטימע „זעה מיין קינד מאך מיר ניט אן קיין פערדרוס אונ ציהע זיך אן, מאך זיך מוטה פריינדליך אן צוא נעמען דיין בעשערטין חתן׳.

טייבע האט אויס געבראכין אין איינעם וויינען אונ האט

(אייננע טויב) געהליפעט

געהליפעט פון טיפען פערקלעמטעס הערץ אירע • דער פאטער א
געוואָרין העכסט גערירט , אונ האט איר ארום גיארעמט מיט איי
פאטערליכע ליבע אונ האט זיך בייא איר גיבעטין ,זע טייבעלע מי
ליב קינד , פארהיט דיין געזונד דו זאלסט קענען געניסען די גוט
וועלכע איך בעזארג פיר דיר , דוא ביזט נאך אקינד דו האסט נא
קיין פארשטאנד צו פערשטיין פארלאז זיך אויף מיר , דו ביסט נ
נאר אקינד אן שכל , נעם מיין קינד פאלג מיר ציה זיך אן יום—טוב-
דיג , שטער מיר ניט פון צוא זיין איין מחותן מיט ר׳ שאולין
פארגין מיך דעם כבוד •

די לעצטע ווערטער זיינע האט איר צומישט דעם פארשטאנד
אלס זיא האט איין גיזעהן דאס דער פאטער וויל איר אפפערין א
זיינע איינגענוצען אונ צוליב זיין כבוד פערלאנגט ער פון איר דאס ז
זאל אן זיך פערגעסין אונ די איינענע געפיהלען פערלעשין , אזוי ווי
זיא וואלט נאר קיינע לעבעדיגע וועזין גיוועזן, אונ אום מער ניט צו העו
פון אים אזעלכע קריינקענדע ווערטער איז זיא צו גיגאנגען צום ש
אום צו נעמען קליידער , זיא איז אבער באלד גיפאלין אין אונמאכ
מען האט איר באלד ערמינטערט , דיא מוטער מיט די דינסט מיי
האבין איר איהרע גוטע קליידער אנגעצויגין מען האט איר מ
גוטען וויין אונ פערשיידענע לאבונגען ערקוויקט , זיא הא
איינגיזעהען דיא מוטערס פערדרוס וועגין איר האט זיא זיך זעלב
גישטארקט , אין געזיכט האט זיך איין גיפונען עטוואס פארב ז
איז גיוואָרין מוטהיגער •

פון אווינד זיינען צוזאמען גיקומען דיא איינגילאדענע געס
אונ די מחותנים מיט דעם חתן , דער פאטער האט בייא איר א
געווירקט דאס זיא זאל ריידין מיט דעם חתן , אונ זיא איז ארין מ
דיא מוטער אין איילקער , אונ באלד דארויף איז ארין ישראל ז
דער שדכן אונ האבין ארין געפיהרט דעם חתן •

טייביל !" האט גיזאגט דער פאטער דוא ווייסט דאך ד.

(איונגע טיב) עס

עס איז אויס פארצייטיגע מאדעס דאס חתן כלה פלעגין ניט ריידען
פאר דער חתונה, איר זייט דאך שוין פון היינטיגע צייט אלזא
נעמט אייך רייד״.

„עס פאסט ניט״ האט זיך טייבעלע אפגערופין מיר האבען
גילאזין דיא נעסט אליין לאמיר אריין צוא זייא אין זאל.

„הייגט איז דיין שמחה, צו דיר האט עס ניט״ האט דער פאטער
צוא איר געזאגט אונ האט דערביי געטאן אויף איר א גייזין בליק,
קום פראדל (זאגט ער צו דיא ווייב) מיר וועלין בעהאנדלען די געסט;
אונ זייען אלזא ביידע מיט דעם שדכן ארויס פון דעם אייזקער.

אלס טייבעלע איז אליין פערבליבען מיט דעם חתן, זאגט ער
צוא איר „דוא מיינסט איך פערשטייא ניט דאס דוא ווילסט מיט מיר
ניט ריידין, נור עס איז מיר אקשיא אין פלוג דארף זיין פאר דיר איין
כבוד מיט מיר צוא ריידין״.

„אין וואס פאר אפאך?״ פרעגט זיא אים פערוואונדערט אים
גוט אין געזיכט אריין קוקענדיג.

„מהיכי תיתי ?״ ענטפערט ער „ווער מיין פאטער איז איז דאך
בעקאנט אונ דאס גלייכין מיין זיידע, אבער דיין זיידע...

זיא קוקט אים אן וויא אויף א משוגענעם אונ זאגט אים
„ווארום פערשווייגט איר״.

„פאר טויזענדען וועל איך ניט אויס זאגין״ האט ער איר גיענטפערט
ווארום דער דין איז דאס מען זאל זיך ליבערסט אריין ווארפין אין
איין גליהענדין קאלך אויבען איידער דעם חבר צו פאר שעמען״.

„זאגט וואס איר ווילט, איך פערשפרעך אייך דאס איך וועל
זיך מיט קיין זאך שעמען.

„ער וואר איין בעל מלאכה״ האט ער דורך געצייט דורך דיא
ציין שעמענדיג איר אן צוא קוקען גלייך אין געזיכט.

„דאס איז מיין כבוד״ האט זיא אים גיענטפערט „ווען איך ווייס
דאס מיין עלטער פאטער האט זיך זעלבסט ערווארבין זיין לעבינס

(איונגע טיב)

סיטל

מיטל, אונ אזעלכע ארינטליכע אונ פרומע מענשין זיינן ווערט עהרע".

דינע ווערטער האט זיא זיך ארויס גיזאגט גאנץ געלאסין אונ העכסט פערוהיגט מיט איינע פערנונפטיגע מינע זא וויא מען רעדט צו איין קליינין וואס פארשטייט זיך אויפין וואונק, דען זיא האט גאר פארגעסין פאר וועמען זיא רעדט דאס, זיא האט געמיינט דאס זיא זיצט דאס מיט שלומען רחלס חתן. צום אומגליק אבער האט ער עס גוט פערשטאנען דאס דערמיט האט זיא פערניכטעט זיין ביסל יחוס וואס דאס וואר זיין גאנצער נדן, אונ האט איר אלזא גיענטפערט מיט דרייסט „עס טוט ניט נור ווען דער מחותן האלט יחוס פאר אזאך"!

פון דינען ענטפער זיינעם האט זיא זיך געפונען העכסט בעליידיגט, דען דאס האט אויס געדריקט וויא מען זאגט מען פרעגט ביא דיר אבער קיין דעה ניט" עס האט איר ערציטערט איר געמיהט אין גאנצין אונ עס האט זיך פערגרעסערט איר האס קעגין אים אונ איז ארויס פון איילקער וויא פון פייער. זיא האט אליין ניט געשפירט וויא אזוא זיא האט זיך געפונען אין זאל ביא דיא געסט. דער פאטער האט בעמערקט איר ארויס גיין פון דארטין מיט אימפעט, האט עס אים דער לאנגט וויא אקויל אין הארצין, דען ער האט ביא זיך געטראכט פערגעוויס האט זיא צוא אים גירעט מיט פייער, אונ געוויס איז ער דארטען פערבליבען אין אונמאכט. ישראל איז באלד אריין אין איילקער וויא אן זיך, אונ ער איז געווארין וויא ביא געבארין אלס ער האט דער וואוסט דעם חתן ער זיצט זיך שטיל רוהיג מיט איין האנד דיא קאפ אונטער געשפארט אונ מיט דיא אנדערע האלט ער דיא בערג קלאפע צום מויל אונ קייט זיך פאר טאמעוואטעטער הייט, „קום מיין קינד אין זאל" האט ער אים גיזאגט גאנץ ליבליך. זייא זייען אריין ביידע צו דיא געסט מען האט אים צוריק ווידער גיזעצט אויבין אן, מען האט געשריבין תנאים אונ צו בראכין טעלער אלעם וויא גיהעריג, אונ קיינער האט זיך ניט

געקיסערט װעגען דעם װאס די כלה איז אומצופרידען, דען די מחותנים זײנען געװען גאנץ זיכער דאס ר׳ ישראל װעט די כלה פיקסטאװען צו דער חופה, און מען איז זיך אלזא גאנץ הײמליך פערגאנגען אהײם.

ד.

אויף טײבעלעס חתונה האבען פיל געװארט מיט גרויס אונגעדולד װעגען די עלטערען פון בײדע צדדים איז דאך קײן רײד אויך רח״ש און כלי״ז, נור טײבעלע װאר די אײנע װעלכע האט זיך ניט געװאונשען דערבײא צו זײן; זיא איז ניט אויסען געװען דװקא צו שטארבען, זיא איז נור אויסען געװען לױז צו װערען פון איהרען הערצינס פערהאסטין, און פון אים לױז צו װערען האט זיא קײן אנדער מיטעל געהאט סײדען זיא זאל לױז װערען פון דעם לעבען זעלבסט, און זיא איז געװען העכסט צופרידען אויך אויף דעם ארט װײל זיא האט שוין אײנגעזעהען װיא אומגליקליך זיא איז.

און אלס זיא האט זיך שטארק פערנאנדער געװײנט פאר די מוטער דאס זיא זאל איר צו הילף זײן װיא לױז צו װערען פון דעם שידוך, האט איר די מוטער געענטפערט דאס ניט בעסער איז צו געגאנגען בײא איהר הײראטהען מיט דעם פאטער. זיא האט אויך קײן חארץ געהאט צו איר ישראלין, װאס דאן מיט צװאנציג יאהר צוריק װאר נאך פיל ערגער, דאס מען האט זיך גאר געשעמט צו דערמאנען דעם װארט „חתן״ און בפרט נאך זאגען איין מײנונג װעגען אים, צי יא װעלין אדער ניט װעלין, מאנכע כלה׳ס האבען זײער חתן גאר דאס געזעהן ניט אן געזעהן ביז דעם רופפיר, דער פאטער (איזנגע טויב)

פרעגט

פלעגט נור קומען צוא פארין אונ זאגין דיא טייב דאס ער האט פאר קנאכט זייער טאכטער , אונ פלעגט צוא רופען דיא מיידיל אונ זאגין איר מז"ט דיר „שעריל“ ! דיין חתן רופט מען „בעריל“ , אונ פון דאמאלסט אן פלעגט זיא שוין אראפ לאזין דיא אויגען אונ האט זיך אזוי צוועק גישעמט ביז דריא יאהר נאך דער חתונה ; איך האב ביא זיך פיל געליטען איך האב זייער גיט גיוועלט חתונה האבין מיט דעם פאטער זאל גיזונד זיין . נוא ווערסט דאך מען פירט אוועלט , ניט קיין ערגערין שטאט חוץ אונזער שאך ן זאלסט פירין מיט שעפשלין , אונ דיא מוטער האט אלזא נאר שפאס גימאכט פון איר פאנטאזירין וועגין דאס , זיא האט איהר אלין גיגעבין ארבייט דאס זיא זאל ניט צייט האבין גאר צוא דיינקען וועגין דעם שידוך , זיא פלעגט איר שיקען דאס זיא זאל גיין פערברייננגען אין גיזעלשאפט ווארום זיא איז גיוועזן אין איינע מעלענכאליע (מרה שחורה) צייט פון תנאים , זיא פלעגט ווייכען פון גיזעלשאפט , נור אין איין אווינד האט דיא מוטער איר וויא עס איז אמפראוועט צוא קויפמאנען ; דארטין האט זיא געפונען איין הייטליכע אונ מוטהיגע גיזעלשאפט , קויפמאן איז גיזעסין ביא דעם טיש , אונ ארום איז גיזעסין רחל אונ איר חתן שלום . איין העלער פלאם האט גישטראלט גענוג ליכטיקייט פון גרויסין לאמפ אונ אויף דעם טיש איז גישטאנען איין אקערסט אויף געקאכטער טייא מאשין מיט אלע פריפאסין צום טרינקען .

זיא האט זיך פערגייגט ביא איר ארין גיין אנטקעגין דיא גיזעלשאפט , דיא בידע ליבענדע האבין זיך גישטעלט אונ רחל איז איר אנטקעגין געקומען אונ האט איר געבייכט דיא האנד . זיא איז מיט איר גלייך צום טיש אונ קויפמאן זעלבסט האט איר אויך געבייכט דיא האנד אונ דאס גלייכין שלום אונ מען האט איר גיבעטין זיך הין זעצין צום טיש :

(איונגע טויב)

דוא ווירסט דאך מיך פערצייען שיינע טייבעלע ! האט גיזאגט קויפמאן צו איר „דארום וואס איך וואר ניט אויף דיין תנאים , דען איך האב געוואוסט דאס דוא ביזט זעלבסט ניט צופרידען פון אים גיוועזען , דוא קענסט דאך מיין נאטור דאס איך בעהערש ניט אויף דעם גייסט פון איין קינד , דען איין מענטש קען אפילו אויף זיין אייגענעם גייסט אויך ניט בעהערשען, איך מעכטע עס גאר ניט גיקענט צו זעהן דיזען שקלאפען האנדיל , אונ איך זאל מיך שטארק אריין מישען אונ דעם פאטער שטערין דאס ער זאל עס אזוי איין פערברעך ניט טאן , וואלט ער דאך האבין רעכט צו זאגין „וואס האב איך אים איין צוא וויזען וואס ער זאל מאכין מיט זיין קינד" אונ צווייטינס ווייסט דוא דאך דעם שפריך ווארט „אלם מען האט קינדער אין דיא וויגען, דאן מוז מען לאזען לייטען צו פרידין" . ער וועט מיר געבין וויגקע דאס איך זעלבם בין אויך ניט יוצא פאר דיא וועלט , דען וואס צו רעט מען ניט אין שטאט אויף רחלען אונ שלומען , וואס האבין זייא אייגענטליך זייא פאר איין בייז גיטאן מיט זייער פערליבען זיך, אז ברוך איז ניט זייער שדכן טא איז וואס ? פון זייערט וועגין זאל ער זיך זוכען אנאנדער גישעפט ; נור רחלען מיט שלומען גייט עס גאר ניט דער אן וואס דיא שטאט איז דער פון ניט צו פרידין , זייער געוויסען פלאגט זייא ניט וויל זייא ווייסען בייא זיך דאס זייא האבין קיינעם דער מיט קיין עולה געטאן . זייא זיינען גלייך ענטוויקעלט זייא בעוואהרין דעם צו קונפט. אט זיצען זייא אונ לעזען ביכער וועלכע עס ווערט דארטין גירעט פון קינדער ערציאונג, וויא גליקליך וועט זיין דער דור וועלכער עס וועט גיבויט ווערין פון אזעלכע מענטשין וויא זייער גלייבין , אבער אונגיפעהר אזא שעבש וויא שעפשיל ר׳ שאולם ווייס מער ניט אז וויא עס וועט גיבארען ווערען בייא אים איין זון איז ער (דער אקערסט געבארענער זון) שוין גלייך ר׳ שאול גיטעלעס איין איניקל אונ דער מיט איז ער שוין יוצא ; אלזא ליבע טייבעלע , דעם פאטער קען איך ניט איין ווייזין ,

נור דיר ראטה איך , ווערלינג דער שולד איז פון דאס מענשענהייט צוא באטהען וואס גלייכעס איזט , דאס דוא זאלסט זעהען מיט אלע מיגליכקייט זיך צו באטירען , איך זאג דיר אונ פאסטרענע דיר , דאס דיין אונגליק איז נאך טויזענד מאל גרעסער וויא דוא שטעלשט זיך אים פאר , דען שעפשיל , אויסער וואס ער וואר העכסט אום וויסענד איז ער נאך דער צוא מיט איין העכסטין פערדארבענעם באראקטער וויא דוא זעלבס ווייסט דער פון , דאס דיא גאנצע אורזאכע וואס דער פאטער ווינשט אים , איז נור אום זיין איינענעם וואונש , דען דיא גאנצע מעלה זיינע איז נור וואס ער איז ר׳ שאולים איין זון . זייא דאך ליבעס קינד יעצט פארזיכטיג וועסטו ניט באדארפין חרטה האבין, נאכהער ווען עס וועט שוין דער בייא ניט העלפין חרטה , רעכען אפילו דאס דוא וועסט דער בייא פיל ליידען פון פאטער מיט דיינעם אים דערווידער זיין , דאך איז עס פיר דיר אלין גלייכער וויא צו פערקויפין זיך אויף דעם גאנצין לעבין צוא איינעם פעריהאסטין , אונ אויסער וואס ער וועט דיר ניט שעצען פאר דיינע ענטוויקעלטע גיפיהלען , ער וועט דיר נאך האלטין פאר משוגע . ווארום זאלסטו דיין גאנצין האפענונג מיט איין מאל באגראבין אונ באשיטין , דען וויא גרויס דער פארברעך איז דיין פאטערס דער מיט וואס ער וויל זיך פארשאפין יחוס מיט דיין לייב אונ לעבין , איז דיין פארברעך נאך פיל גרעסער מיט דאס וואס דוא נעמסט זעלבסט אויף זיך שלעכטעס וואס דוא טעסט עס זעלבסט ליידען צייט דיין לעבין אונ ניט קיין אנדערער — .

בעסטער פריינד !! האט טייבעלע אים גיענטפערט אונ טרערין וויא פעריל האבין זיך געקייקילט פון אירע אויגין אויף איר צארטעס גיזיכט . איך דאנקע זייא טויזענד מאל פיר זייער זארגין פיר מיך , נור ערפילען זייער ראטה קען איך ניט , איך וועל ליבערסט שטארבין

איידער זיך אן צוא שטריינגען צום רעטונג . איך וועל דעם פאטער ניט דער ווידער זיין , איך בין ניט דיא איינע וועלכע עס ליידעט דער פון , עס גיט טויזענדע פערזאנען וועלכע עס ליידען דער פון , עס ליידען מאנכע נאך מעהר צלס איך , דען איך צום ווייניגסטען בין קיינע פערליבטע , עס גיט נאך אזעלכע וועלכע זייען שטערבליך פערליבט אונ מוזין זיך פערהייראטהען מיט דיזעם וועלכעם דיא עלטערין ליבין , זא וויא דער פאטער זאגט אלס דיא מוטער קריגט זיך מיט אים ווארום מוטשעט ער מיר מיט דעם שידוך. זיא איז ניט דיא ערסטע אונ אויך ניט דיא לעצטע , עס איז מעהר ניט שווער מיט אזעלכע חברה איידער מען פויקט אפ דיא חתונקע'.

נאך איהרעם לאנגען שפרעכען דיזין, האט זיא בעמערקט דאס שלום אונ רחל האבין גינומען איין גרויסין טייל אין איהרע ליידין , דען זייא זיינען גיזעסין העכסט בעקימערט פון זייער מיטלייד מיט איר , האט זיא צו זייא גיזאגט, אנטשולדיגט מיך מיינע ליבסטע דאס איך בעטריבע אייך דיא גידאנקען מיט מיינעם בעקלאגין זיך , לאמיר שוין ליבערסט שפרעכין פון הימליכערע גענענשטאנדע , אונ האבין זיך אזוי בעשפראכין אונטער דיא צייט ביז זייא האבין טיי אפ גיטרונקען, טייבעלע האט גינומען אבשייד פון קויפמאנען , רחל אונ שלום האבין איר בעגלייט ביז צוא הויז , אין שטוב האט זיא זייא ניט צריין גילעטין איבער צווייא אורזאכין , דאס ערסטינס האט זיא גיזאגט דען ווען זייא וועלין אריין אין שטוב וועט דאך דיא מוטער זייא אן נעמען אונ זיא וועט זייא אן מוטין דאס זייא זאלין גיניסין פון זייער חלק פון תנאים , אונ דאס שטעכט איר אין הערצין אז מען דער מאנט פאר איר דעם תנאים , אונ צווייטינס פיליכט זיינען דא אין שטוב פרעמדע מענשין וועלין זייא זייא באליידיגין ווארום זייא גייען ביידע פאר דער חתונה אן אשומר ,

זיא האבין אלזא גינומען איין ווארעמען אבשייד פון איר האבין זיך אומגיקערט צוא הויז אונ טייבעלע איז אויך באלד אריין שטוב.

ה.

ווסיף דעת יוסף מכאוב, וועלכער איז מעהר פערשטאנדיג האט מער קריינקונג׳ האט גיזאגט שלמה הַמֶּלֶךְ, אונ דער פאל וואר מיט אונזער טייבעלען, דען זיא איז גיוועזען גינוג קלוג אונ האט ווייט אויס גירעכינט וויא גרויס איר אומגליק וועט זיין מיט דיזין פארטיי, אונ איר זארג אויף צו קונפט האט איר ווירקליך קראנק גילייגט צוא בעט, דער דאקטער האט איר פערראורטיילט פאר איין גרויסע חולה, ער האט גיזאגט דאס דיא אורזאכע פון איהרע קראנק זיין איז עם פון איין הארץ קלעם אונ פון נערוועזען שוואכונג, נור וואס איז דיא אורזאכע פון איהרען הארץ קלעמונג אונ פון דיא נערוועזען שוואכונג? אזויא ווייט ברויכט דער דאקטער ניט צוא וויסין, ער ברויכט נור צוא קורירען דעם קראנקהייט, אויך דער פאטער זעלבסט אבוואהל ער האט גוט פאר שטאנען דיא אורזאכע, דאך האט ער זיך גימאכט ניט וויסענדיג, ווען אפילו ער האט איין גיזעהען וויא גיפערליך זיא איז.

פון אוויגד איין מאל הערט ער וויא זיא רעט פון היין: „פאטער!... איך מוז אים ליבין!...: איך שטארב... איך וועל לעבין... איך וועל ליידין, איך בין ניט דיא ערסטע״ אלס ער האט דיזעם איין גיהערט איז ער צו צו איר בעטיל האט צוא

(איונגע טויב) גילויגט

גילייגט זיין האנד צו איר שטערן װעלכער האט גיפייערט וויא
הייסע קוילין איז אוועק פון איר אונ איז ארום הין אונ צוריק
פערטיפט אין גידאנקען , דאס קען מען פערשטיין דאס ער האט
זיך גיבאנגעט מיט דעם יושר אונ דער גיוויסען האט אים אויף
איין ווײלע גיפלאגט דארום וויל ער זיין יונגע טייבעלען אפפערין
פאר דיא פוקטע גאוה , דען ביא זיך האט ער גוט גיוואוסט דאס
ניר ער איז דיא אורזאכע פון איהרען קראנק זיין , אונ דאך האט
ער קיין חרטה גיהאט , ער האט איר ניט אן גיזאגט דאס זיא איז
פרייא , ער האט זיך נור גיטרייסט דאס זיא וועט דעם קראנקהייט
אריבער טראגין אונ זיא וועט חתונה האבין מיט זיינעם גיליבטין אונ
מיט דאס וועט זיא אים מיט ברייגען פיל נחת , אונ איז מיט
פאלקאמענע האפנונג צוא ריק אביין אין שפייזע צוא איר. ער
וואר נאך אויף דעם שוועל איז ער גיווארין העכסט איבעראשט אלס
ער האט דער זעהען דאס זיא איז מיט אימפעט פון בעטיל אראפ ,
וואס ביז יעצט איז זיא גילעגין וויא א הייסע שטיק בלייא , אונ
זיא האט זיך אים גישטעלט אנטקעגין פאר ביסין דיא ציין אונ האט
אים אן גיקוקט מיט ביסטערע שטארע אויגין אזוי וויא איינע משוגענע ,
פלוצלונג האט זיא אויס גשריען מיט איין ווילדען שטימע „בינקטו
דאס דען מיין פאטער ?.. ניין ! נור מיין בעטריגער ! ... הא !
הא ! הא ! ניין ! טאקע נור דער פאטער ! ... אונ איז גלייך
גיפאלין לעבין זיינע פיס וויא א שטיין אונ איז גיבליבין ליגין שטיל
אן אטהעם , ער האט איר מיט מיה גרויס צוא ריק גילייגט אין
בעטיל אונ איינע טרערין זיינען אים ארוים פון דיא אויגין , אונ
דאך ביא זיינעם איין זעהען אויף מארגין דאס זיא וואר בעסער ,
דיא היץ איז פון איר אפגישטאנען , איז ער פאר בליבין דער זעלביגער
שטיין וויא פריער , וואס נעבטין אלס מען האט גיזעהען דאס זיין
שטיינערנע דארץ גיסט שוין וואסער מעכטע מען גאר אנדערש ניט
גלויבין דאס ער וועט שוין איין לאזן דעם שידוך , ער איז אבער

גיבליבן פעסט ביי זיינעם מיינונג .

אויף מארגין ביי אירעם בעסער ווערין זיא איז גילעגין אין איין קוואל טרערין , אונ אלס אז דער פאטער האט איר גיפרעגט וואָרום זיא ויינט האט זיא אים קיין אנטוואָרט גיגעבין אונ אין איינינע טעג ארום האט זיא אן גיהויבין ארום צו גיין איבערין שטוב — .

אונטער דיא צייט וועלכע טייבעלע איז ארום ניט מיט קיין בעסערין האפענונג פון זייערע איינדיקעס וועלכע זייא זיינען בעשטימט גיוועזין אויף פסח גיקוילעט צו ווערין אונ איר התונה איז בעשטימט גיוועזין אויף ראש חודש ניסן , אונטער דער צייט האבין זיך אונזערע ליבענדע שלום אונ רחל זיך איין גישטימט וויא עס זאל גישעהען זייער ארט לעבין ; רחל האט אים פערשפראכין דאס זיא וועט פון אים ניט פאדערין קיין נייע מאדעס , זיא וועט ניט נאך גיין טריט ביי טריט דיא מאנאטליכע קליידער זורנאלין וועלכע זייא ברייננען אויס גוט אונ בלוט , אונ אים האט העכסט גיפרייט איהרען פאר שפרעכין דיזען , ווען אזוא' האט ער גיזאגט צוא איר , ווען דוא פערשפראכסט עס מיר פרייט עס מיך זייער , דען איך בין זיכער מיט מיין שאוועסט מיט מיין געוויסין , איך וועל ניט זיין גינייט צוא עולען , וואָרום מיר זעהען פיל קויפלייטע וועלכע זייא וואָרען ערענטליך אונ עהרליך אין זייערע האנדלונגען , פלוצלונג ווערין זייא דיא גרעסטע באטריגער , דאגעגען זייער געוויסען , אונ דאס איז נור איין אורזאכע דיא לוקסוס אונ מער ניט .

ו.

ראש חודש אדר איז גיווארין ביי ר' ישראלין אין שטוב איין וואָרער יריד , פון קראמען האט מען צוא זאמען גיטראגין פו

אלע סארטין שניט סחורות דאס טייבעל זאל פיר זיך אויס וואוילין נאך איר גוסט חתונה קליידער, דער בעסטער שניידער פון שטאט איז גיזעסין אונ גינייט מיט ניין טאוואריסטען ; מען האט גיפרעגילט פון פיל פערשיידענע סארטען איין גימאכצין, אונ וואס מערער טייבעלע האט צוא גיזעהען וויא מען פערפארטיג זיך צוא איהר חתונה, האט עס איר נאך מערער אונמוטהיג גימאכט זיא איז אום גיגאנגען וויא איינע נעלייכטע, זיא האט גאנץ קאלט בליטיג גיקוקט אויף דיא גאנצע צוא בריטונג, זיא האט אויס גיזעהען אין שטוב וויא איין פרעמדע וועלכע נויס גאר ניט אויף וואס מען ריכט זיך, אונ אין אירע אויגין האט אויס גיזעהען דיא שטוב וויא איינע דו הויז אונ דיא מענטשין וועלכע עס האבין גישארוועט וויא ווירקליכע משוגעים, אין מאנכע צייטין פלעגט זיא פיל וויינען זיצין אין העכסטע פערדרוס פערברעכענד דיא הענד אונ פערשילטען איר גיבורסטאגע אונ דעם גיבורטס טאג דעם חתנ׳ס מיט דעם בעשטימטין חתונה טאג וועלכער ער דארף גיך אונ באלד קומען .

ישראל האט איין גיזעהען דאס עס וואר שוין גאר קיין מענטש וועמען חתונה צו מאכען, דען זיא וואר ניט ביי דעם גיזונטען מענטשין פאר שטאנד, אונ דער צוא שרעקליך אפ גיצערט, האט ער זיך פאר איהר ערקלערט וויא וייט ער איז איר גוט דאס ער קארגט ניט פון איר אונ שיט מיט געלד, אונ האט אלזא פערלאנגט דיא גיפעליגקייט דאס זיא זאל זיך מאכין מוטהיג זיא זאל זיך פיל בעסער אויף פאסין מיט איהרען עסין, דאמיט זיא זאל אים ניט מאכין צוא שפאס —.

דיזער פערלאנג זיינער פון איר האט ביי דעם מאל גאר גארניט פערפעלט דיא ווירקונג, דען זיא וואר שוין פון זעלבסט בדעה נאך צו געבין דעם פאטער ביי איהרען איין זעהען דאס עס איז ניט אירע קרעפטין אויס צו ווירקין דאס דער שידוך זאל ניט זיין, אלזא איז עס שוין וויא גיזאגט „איר תיקר", זיא האט זיך בעדיינקט

(איונגע טויב) דאס

יאס זיא וועט מאן וועדליג דיא שולד דאס מענטשהייט אונ וויא עס געהערט צו זיין דיא טרייהייט פון איינער פרויא צו איהרען מאן אונ וועט זיך שטארייען אים צו בעסערין אונ צו מאכין פון אים איין מענטשין זייענד שוין זיין פרוי ; זיא האט שוין אנגעוועגדעט איהרע מיינונגע אין דיא קליידער וויא עס זאל גינייט ווערין אונ האט גיארבייט דיא גאנצע הכנות פון דיא חתונה ; דער פאטער האט זיך גישעצט ווירקליך קלוג דער מיט וואס ער האט פריער אויס גירעכינט דאס עס וועט אזו זיין . טייבעלע האט איהר מיינונג דיזען וועגין שעפסען אויף פאר גילייגט בייא קויפמאנען , זיא האט פערבעטין רהלען אונ שלומען דאס זייא זאלין איר צוא היקף זיין אין דאס אונ זאלין אים אביין נעמען פאר איין מיט גליד אין זייער גיזעלשאפט , זאלין מיט אים פאר ברייגען , אפט אונטער האלטען זיך מיט איהם פיליכט וועט אויף אים ווירקין איהם צוא בעסערין .

שלום האט איר גירעכט גיגעבין אונ האט דער בייא נאך אנגעוועגדעט איינע קורצע ערקלערונג דער מיט איר האפענונג צוא שטארקין , ער האט גיזאגט דאס איין מענטש בייא זיינעם גיבארין ווערין האט ער אין זיין נאטור ניט גיבארין קיין גוטעם אויף קיין שלעכטעם , (ניט וויא אלע באשעפעניש ווערין גיבארין מיט זייערע נאטורען) , אונ אין וועלכע געזעלשאפט ער בעפינדעט זיך אזא איין דרוק מאכט עס אויף אים , אפילו נאך דיא דעות וועלכע זאגין דאס זעלבסט דער מענטש ווערט אויך גיבארין מיט זיינע בעשטימטע נאטורין , זיינען זיינע חברים איין אורזאך אום צו ענדערין אפילו דיא געבארענע נאטורין אונ עס ווירקט אויף אים זייערע פירונגען , „צוא ליב אייך וועלין מיר אים אן נעמען אין אונזערע גיזעלשאפט אונ מיר וועלין זיך שטארייען אים איין צוא געבין ענטוויקעלטע געפיהלען , איר קענט אייער האפענונג

(איונגע טויב) שעצען

שְׁעצְען פ׳ ר אַיין טְהאַט" אַזוֹא הָאט אִיהר שָׁלוֹם נאַנְץ פְרַיינְדְלִיךְ פַאר שְׁפְּרָאנְ׳ין — .

זַייעֶר אַיין אָרֶענְטְלִיכֶער פַאדְרַאצִיג אִיז ר׳ ישראל, דָאס עֶר הָאט גֶיהַאלְטִין וָוארְט און הָאט צוּ גִישְׁטֶעלְט טַייבֶעלְען צוּ דֶער חוּפָּה אוּם ראש חוֹדֶשׁ נִיסָן ווִיא דֶער מְדוּבָּר אִיז גִיוֶוען, וֶוען אֲפִילוּ דִיא וֶועג אִיז גִיוֶוען מִיט סַכָּנוֹת ווָארוּם טַייבֶעלע הָאט דָאךְ גֶעפַּאכֶעט מִיט דֶער נְשָׁמָה, מֶען הָאט אִיר גִישְׁטֶעלְט אוּנְטֶער דֶער חוּפָּה און הַחָתָן שֶׁעפְּסִיל הָאט אִיר מְקַדֵּשׁ גִיוֶוען כְּדַת משה וְיִשְׂרָאֵל דֶער שַׁמָּשׁ הָאט צוּא בְּרָאכִין אַיין גְלָאז אַיין גִידֶעכְטֶענִשׁ פוּן טוּיט און פוּן חוּרְבָּן דָאס פוּן יֶעמָאלְט אָן אִיז נִיט צוּא בֶּעקוּמֶען דִיא ווַייסֶע גְלָאז, נוּר נִיט ר׳ ישראל הָאט זִיךְ דֶער מָאנְט אִין דִיא ווַיילֶע אָן טוּיט וָואס דַאן אִיז שׁוֹין דִיא פַאלְשֶׁע כָּבוֹד נִיט קַיין גַאנְג בַּארֶער אַרְטִיקִיל און הָאט קַיין חֲרָטָה גִיהַאט וָוארוּם עֶר הָאט זִיךְ פֶערְשַׁאפְט כָּבוֹד דוּרְךְ דִיא אָפְּפֶערוּנְג זַיין שֵׁיינֶע טַייבֶעלע *):

און

---

*) אַייגֶענְטְלִיךְ אִיז דִיא פַאלְשֶׁע כָּבוֹד נוּצְלִיכֶער פַאר דִיא ווֶעלְט מֶעהר אַלְס זִיא שַׁאדֶעט, דֶען וֶוען נִיט דִיא פַאלְשֶׁע כָּבוֹד מֶעכְטֶען אָרֶעמֶע פוּן הוּנְגֶער אוּנְטֶער גֵיין, ווַייל אַיין ווִירְקְלִיכֶער בַּעַל רַחֲמִים גִיט עֶס אוּנְטֶער מֶענְטְשִׁין גַאנְץ זֶעלְטֶען, און וֶועלְכֶער עֶס הָאט שׁוֹין דָאס יַא, אִיז אוֹיךְ קַיין אַנְדֶערֶער נוּר אַיין אָרֶעמֶער וֶועלְכֶער אִיז נִיט אוּם שְׁטַאנְד עֶטְווָאס צוּא שְׁטִיצִין דֶעם צְווַייטִין, וֶוען נִיט דִי פַאלְשֶׁע כָּבוֹד ווָאלְטֶען פִילֶע שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשֶׁען פֶערְמַיידֶען זַייעֶרֶע נְדָבוֹת אוֹיף נוּצְלִיכֶע זַאכֶען, און דִי אָרֶעמֶע לַייט ווָאלְטֶען דֶער פוּן שְׁטַארְק גֶעלִיטֶען, דֶען וֶוען זִיא מֶעכְטֶע ווִירְקְלִיךְ צוּ קַיין גוּטִין נוּץ גִיוֶוען נוּר דוּרְךְ שֶׁעדְלִיךְ, מֶעכְטֶע דֶער שֶׁעפֶּפֶער אִיר גָאר אִין דֶער נַאטוּר נִיט אַיין נִיגֶעבִּין, דֶען עֶס גִיט נִיט אִין דֶער גַאנְצֶער בְּרִיאָה

(איונגע טויב) איין

און אויך ניט איינער פון דיא איינגעלאדענע צו דער חופה האט זיך דער מאנט אן חורבן דאס מאנכע ליידען קלייעט נאך עד היום אט וויא דא איז מקוים געווארין דער פסוק: „ענו בתולות בערי יהודה"— , מען האט גיפייערט דיא הויכצייט גאנץ היימליך אונ דיא געסט זייען זיך פאר נאנדער גינאנגען, אונ שעפשיל איז פאר בליבין טייבעלעם מאן — .

ז.

דער קלוג בעזאנענער מענש איז אקריינקונג פיר זיך אונ אהיילונג פיר דעם צווייטען , דעם קלוגין קריינקט דעם נארינש נארעשקייט אונ רוהט ניט ביז ער ווארצלט עס אוים . עס יאגט אים דער צוא אזוי וויא ער איז גיבאהרין נור צוא זיין צוא נוצין

איין זאכע וועלכע איז שעדליך , ווען נור מען בענוצט יעדער זאכע צוא איר גוטין ציל , צום ביא שפיל : דיא שעדליכע זייטע „בעס" איז זיא גראדע צוא גוטע נוצין צוא בעשטראפען פאר ברעכער (שמואל א׳ ט״ו ל״ג) חניפה איז גוט ווען מען זאל זיך חנפענען צוא איין גילערטין אום ארויס צוא בעקומען פון אים גוטע לערנונג אדער בילדונג אונ וועלכער עס האט ניט אין נאטור בארעמהארציקייט דאך לאזט ער זיך אמאהל נארין פון דיא פאלשע כבוד אום צוא בעגיטינען מיט אונגליקליכע ; אונזערע חכמים ז"ל רעכענען אוים צעהען שטארקע זאכין וועלכע איינע ווערט אונטער דריקט פון דיא צווייטע , אויף דעם ארט קען מען אויך רעכענען דיא פאלשע כבוד דאס זיא איז אים שטאנד וייך צוא מאכין דיא הארט הערציגע .

פאר דעם נארין. דער קלוגער װאלט נאך גאנץ גוט מאכין װען דער נאר װאלט אם נייניגקטין װיסין װאס אים פעלט. װאלט ער זיך לאזין לערנען אונ װאלט אים דאנקבאר זיין פאר זיין לערע. אבער צום אונגליק נייס ער ניט דאס ער איז נארעש. אונ מיינט גראדע דאס ער איז דער חכם. אונ איז אזוי פעסט אין זיין מיינונג דיזין, דאס ער װערט העכסט קאפרישנע אונ לאזט ניט אפ אויף אהאר. אונ װערט אלזא אים אװירקליכער פיינד. דער קלוגער אבער װאס ער איז בעשטימט פון שעפער צוא לערנען מענטשען װיא צוא האנדלען מיט גאט אונ מיט לייט. זייא צוא עפענען דיא אויגין אונ שטעלין אויפין גראדע װעג. דען עס איז דעם שעפער ניחא דאס דער גייסט פון מענטש װאס ער האט דאס אים געשיינקט דאס דורך איהם זאל ער זיין העכער געשעצט פון איין בהמה, אלזא דארף זיך דער נאר לאזען לערנען ביא דעם קלוגען. דער קלוגער גלייכט אים אויף דעם שכל אונ דער מיט הייסט עס ער קויפט אויס זיין זיילע פון דיא הענד דיא דומהייט. שלמה המלך זאגט: ולוקח נפשות חכם, דער קלוגער בעטראכט דעם נארין װיא איין היפשער ארצט. אונ אלס ער װערט קלאר אין זיינע איין געבילדעטע קאפרישנע דומהייטין מאכט ער שוין ביא זיך פלענער װיא ער זאל אים מיט גידולד עפענען דיא אויגין, דאס ער זאל אריין קוקין אין דער װעלט מיט אפענע אויגין ניט דורך שפאקולין. אונ עס גיט אמאל דאס דער נאר ערשפירט, דאס מען װיל אים ענדערין. גיט ער אקלאפ ניט מיט שכל נור מיטין קולאק אזוא װיא אמישוגענער גיט אביס דעם דאקטער װעלכער קורירט אים. דער נעמט נעבאך אבשייד פון דיא װעלט. דאס איז װאס גאט האט פאשטרעגעט דעם אדם הראשון. דאס װען ער װעט געניסין פון בוים דער װיסין שאפט דאן װעט ער שוין קיין רוהיגען לעבין פערברייננ[...]. אונ װעט אים ברייננען צום טויט זעלבסט.

(איונגע טויב)

עס

עס האט טייבעלען ניט גיקאפט איידער זיא האט אויף איר שעפשלען גיווירקט מיט איהרען פיל ריידען דאס ער זאל אריין טרעטין אין דיא גיזעלשאפט פון שלומען, אונ עס וואר ביי זייער ערשטין מאל קומען צוא רחלען צוא בעזוך האבין זייא גראדע שלומען אויך דארטין גיפונען, זייא האבין שעפשלען דיא הענד גידריקט אונ דאס גלייכין טייבען, פלוצלונג נעמט שעפשל אן טייבען פאר דעם ארבל אונ זאגט, דוא זאלסט שוין גיין אהיים, ווארום עס וועט זיין גאנץ ניט שיין! אונ דער רב וועט אויך וויסין דער פון! דיא גאנצע שעקטע האט שטיל גישוויגין, עס האט איהם איינער קיין ווארט גירעט אום טייבען ניט צוא קריינקען! נור טייבע האט שוין דאן גיהאט פאר לארין דיא געפילען פון הערען אונ זעהען אונ איז פון שאנד אונ פערדרוס גיבליבין אין אונמאכט, שעפשל האט זיך אפ גיטראגין אהיים, מען האט דא טייבעלען אפ געצוהעט אונ איז אוועק אהיים באדעקט מיט שאנד אונ פערדרוס וויא איינע פרויא וואס דער מאן דער שפירט איהר ביי איינע אונטריהייט, אונ דאן וואר שוין איין ענדע אויף אימער מיט איהרע בעזוכין קייפמאנס הויז, רחל האט גיוויינט אונ שלום וואר אויך העכסט אין פאר דרוס, זייא האבין גאר ניט גיקענט אויף קומען אויף דיא אורזאכע וועלכע האט דעם ווילדן מענטשין מיט גיבראכט ארויס צוא טרעטין ביי זיינעם ערשטין בעזוך אזוי ווילד אונ דום, אויף מארגין איז זייא קלאר גיקומען צוא וויסין דיא אורזאכע, דען טייבעלע האט זייא גישיקט אבריף געשריבין מיט דיזע ווערטער:

„מיינע בעסטע פריינדע שלום אונ רחל ו' :

„וויא פיל קריינקט עס מיך ווארום איך האבע אין אייער-
„גיזעלשאפט אריין געמישט אזא איינעם אונווישענדען אונ-
„העכסט פערדארבענעם מענטשען, ער קען זיך גאר ניט פאר-
שטעלין (איונגע טויב)

„שטעלט וויא קען עס נאר אנדערש זיין, אז שלום האט
„מיר דיא האנד געבראכט און עס זאל דער בייא ניט זיין
„איינע פערבאטענע אבזיכט, איך האב מיט מיינעם איס
„בריינגען צוא אייך הערבסט פערקרימט, נור איך בין הערבסט
„פעלוינט געווארען אויך.....

„איך פאר לאנג פון אייך דאס ניט איהר זאלט מיר
„פערגעבען און איך צייך אויך דאס גלייכן, דען איך האב
„שוין פערלארין מיינער עהרע און איר זייט הויכגעשעצט און
„פיל געעהרט אלזא פאסין מיר שוין ניט... יעצט וויים איך
„שוין בעשטימט דאס איך בין איינע אומגליקליכסטע אין דער
„וועלט, עס איז צוא מיר קיין גלייכן, איך האב זיך גאנץ
„געאירט אין מיין האפענונג דאס איך וועל אים אוים בעסערין...

„פערבלייבט מיר גוטע פריינד פון ווייטין זא וויא איך
„פערבלייב אייך" אייער פריינדין אויף אימער.

טויבע בת ישראל

שלום און רחל האבין אפ גישיקט טייבעלען איין בריף
געשריבין טרייסט און האפענונג אום איר צו בערוהיגין, נור וואס
האט עס אויף איר גיקענט ווירקען ווען זיא האט גיהאט דיא צרה
פאר דיא אויגין, זיא איז פון דיזע געשיכטע און פון נאך איינינע
צופעלע וויא דיזע קראנק גיווארין און איז גילעגין פיל וואכין
גיפערליך קראנק פיל גיפערליכער אלס איר קראנק זיין פאר דער
הויכצייט איהרער.

אין איינעם העלען ליכטיגען מאי טאג נאכמיטאג צייט,
דאס וואר ל"ג בעומר, האט מען געפירט אונזערע צווייא
(איונגע טויב) פערליבטע

פערליבטע שלום און רחל צוא דער חופה, דיא אונטער פירער האבין געטראגען ליכטיגע פאנארען אין דיא הענד, פאר זייא זיינען געגאנגען איינע קאפעליע און האבין געשפילט, נאך זייא זיינען געגאנגען דיא איינגעלאדענע, און אלס דיא היימליכע בעלעבטע שעקטע זיינען געוועזן נאהענט לעבין דעם שול הויף האבין זייא זיך גראדע אן גיטראפין מיט טייבערעס עלטערין און נאך מענטשין גייענדיג פון טייבעלעס לויה, דיזע וועלכע זיינען געגאנגען פון דער לויה האבין גישאלטין דיא פערליבטע וואָרום איבער זייער פאר ברעכין דיזען דארף געבעך אזא ברוט יונגער ליגין אין דער ערד, אהנע צווייפעל דאס ישראל זעלבסט האט אויך נאר אנדערש ניט גידיינקט; עס האבין זיך פערמישט דיא אבלים מיט דיא מחותנים, און עס איז גיוועזן צוא הערען פון אונטער דעם פערמישטען עולם גור דיא ווערטער; מזל טוב! גאט זאל אייך טרייסטין!.... קבר... חופה... גישטארבין פערליבט!... רחל האט זיך דערוואוסט אז דאס וואר דיא לויה פון איהר בעסטע פריינדין האט זיא ארוים געזיפצעט פון טיפען הארצין, אך גאט! „איונגע טויב פאר איין קרבן" פיר דיא פאלשע כבוד, און איז אונטער דיא הענד איהרע ברוט שוועסטערין אין אונמאכט גיפאלין — .

ענדע

(איונגע טויב)